ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# מקדש מלך

## שבת קודש אין גן עדן

אידיש

**68**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ז לפ"ק

# שבת קודש אין גן עדן

# מקדש מלך:

א מעשה וואס האט זיך געטראפען בזמן הרב
הגאון הצדיק ר׳ מ׳ בעל המחבר מקדש מלך.

הערויס געגעבען

פון ר׳ יעקב מארגענשטערען
הנקרא יעקיל לעהרער אוים לאדז.

בהוצאות בית מסחר הספרים של ר׳ יצחק פונק בווילנא.

ווילנא

ШАБОТЪ ИНЪ ГАНЪ ЕДЕНЪ
т. е. Суббота въ Раю.

ВИЛЬНА.

ВИЛЬНА,
Типографія Б. Ціонсона, Трокская д. 13.
1913.

אין דער צייט פון דעם גרויסען צדיק מקבש מלך איז גענומען דער מנהג אין דעם גאנצען לאנד וויא ער האט געוואהנט דאס ווען איינער האט עטוואס געברויכט געהאלפען צוא ווערדען. פון איין קראנקהייט. אדער פון איין אנדערע צרה רח״ו. זא האט מען ניכט געוויסט וויא צוא גיין נאר צום היילינען צדיק מקבש מלך. דען ער וואר ניכט ח״א איין אנדערער מענטש. ער וואר וויא איין כלי של אלהים. אונ דיא גאנצע וועלט האט געבעטען פאר זיין לעבען דען אלע האבען געלעבט אין זיין זכות. אונ ער וואר מייסטעגס אונטער וועגענס. דען ער האט געריטען גלות. אונ וויא עס איז געוועזען א חולה. אדער א יולדות. אדר א שום דבר סכנה. האט ער אלץ געהאט אויף זיינע געדאנקען. אונ האט פאר אלע מתפלל געוועזען. אונ אלע זענען אין זיין זכות געהאלפען געווארען.

אונ זיין מנהג וואר זא. וויא ער איז געוועזען דאנערשטאג מיטאג. דארט איז ער שוין געבליבען שבת. הן אין א שטאט. והן אפילו אין א דארף. אזוי ער שוין פון דארט ניט אוועק געריזט נאר דארט האט ער שוין שבת געהאלטען. אזויא איז געוועזען ווי לאנג ער האט געלעבט.

איין מאל האט זיך געטראפען. ער האט געמוזט דאנערשטאג אוועק רייזען פון א שטאט. דען עס איז געוועזען אין דעם ווערבען לאנד גרויסע מלחמות. אונ דיא שטאט וואר זעהר אין א גרויסע סכנה פון וועגען דער מלחמה. זא האבען אלע איינוואהנער געמוזט ארוים לויפען אוים דער שטאט. זא האט דער צדיק מקבש מלך אויך געמוזט פארט לויפען.

ער איזט דאנערשטאג נאך מיטאג ארוים פון דיא שטאט.

אונ איז געלאפען . ביז ער איז געקומען אין וואלד . ער וואר זעהר
מיד אונ וואר גאנץ אליינט אין וואלד . ער האט ניט געהאט קיין
שום פחד אונ קיין שרעק . ער האט נאר פאר דעם איינעם זעהר
געשרעקט דאס ער זאל ניכט ברעכען ח"ו שבת צוא בלייבען אין
ווילדען וואלד . ער איז אנטשלאפען געווארן . ער האט אבער נעבעך
ניט געקענט שלאפען . ער האט יעדע מינוט געשריגען שבת . שבת .
אזי וויא וועל איך בלייבען דעם הייליגען טאג שבת .

עס איז נאר טאג געווארען איז ער אויף געשטאנען אונ געדאווינט
אונ האט אן געהויבען צו גיין גאנץ געשווינד . ער האט זיך געטראכט
דאס וואלד וועט זיך דאך באלד אויס לאזען . זא וועט דאך ערגעץ
זיין ניכט ווייט איין שטאט . אדער אפילו א דארף דאס איך וועל
קענען שבת האלטען . בקיצור ער איז נעבעך געלאפען מיט אלע
קרעפטען דאס דער שווייס האט זיך נעבעך פון איהם געגאסען . בקיצור
ער לויפט אונ לויפט עס איז שוין א שטיק נאך מיטאג . מען וועהט
קיין שטאט מען הערט קיין שטאט . וואלד איז ווייטער וואלד . אונ
עס איז קיין וועג קיין שטעג . נאר געדיכט וואלד מיט גרויסע ווילדע
גרעזער . בקיצור ער איז געגאנגען ביז שוין גאנץ שפעט . ביז ער
האט געזעהען מען טאר שוין ניכט גיין . דען עס איז שוין זמן מנחה .
זא האט ער זיך געשטעלט מנחה דאווענען . אונ האט געדאווינט מיט
זעהר גרויסע טרערען אונ וויינען . דען זיין הארץ וואר איהם זעהר
פערביטערט דורך דעם הייליגען שבת . דען דער מינדעסטער יוד
האט גרויס צער ווען עס איהם ח"ו אזויא א סיבה טרעפען זאל אין
ווילדען וואלד שבת צוא בלייבען . מכ"ש זא איין צדיק וויא דער
הייליגער מקדש מלך .

ווער עס האט געזעהען דאס הייליגע ספר מקדש מלך . דער
וואס פארשטייט דאס ספר מקדש מלך . דער קען וויסען וואס פאר
א צדיק ער איז געוועזען .

וויא ער האט אויס געדאווינט מנחה . איז נאך געוועזען א
האלבע שעה צו נאכט . זא האט ער אנגעהויבען ווידר צו וויינען .
אונ האט געזאגט (צדיק ה' בכל דרכיו) דאס איז טייטש גאט איז
גערעכט מיט אלע זיינע וועגען . איך בין ניכט ח"ו מהרהר . [illegible]
השם בין איך ניכט בעסער [illegible] . ווער ווייס פאר וואס [illegible]
שטראפט מיך זא פון הימעל . ווער ווייס וויא גרויס מיינע חטאים
זיינען .

דאן האט ער אויף [illegible]
[illegible]

הימעל און האט געזאגט רבונו של עולם דוא הייסט דאך טאטע
איך האב פון קינדהייט ביז היינטע געהיטען דיין הייליגען שבת .
און דוא הייסט דאך אל רחום וחנון . ערבארעם דיך דאך איבער מיר
און טוא מיר א נס . און טאטער בין איך ניכט ווערט צוא איין נס .
זא טוא עס אין דעם זכות פון דיינע הייליגע שעפעלעך . דאס וועגן
דיא מאנען און דיא ווייבער און דיא קינדער פון דיין פאלק ישראל ,
וואס איך בעט טאג און נאכט פאר זייערט וועגען און זייא בעטען
אויך פאר מיין לעבען . אללא זאל מיר זייער זכות בייא שטיין עס
זאל מיר געשעהען א נס

נאך דער תפלה . איז ער א ביסעל ווייטער געגאנגען . און
עס וואר אויף די פרייע וועלט נאך ניכט פינצטער . נאר אין גידיכטען
וואלד וואר זעהר פינצטער ער האט אלץ אנידער געלייגט בייא איין
בוים . וואס ער האט געהאט . דען שבת טאר מען דאך שוין ניט
טראגען .

און ער איז געגאנגען לערך הונדערט טריט האט ער דערזעהן
ניט ווייט האט גלויכטען אין א פענצטער אין מיטען וואלד . איז ער
מתחלה ערשראקען געווארען . דען ער האט זיך געטראכט ווער
וואהנט דען דא אין מיטען וואלד . געווים גזלנים . דאך אבער האט
ער זיך מיישב געוועזען איך וועל אהין גיין זעהען פון ווייטען .
טאמער וואהנען ניט גזלנים נאר פראסטע מענטשען . דאס איך
וועל פאר רחמנות קריגען וואסער צו וואשען . און אפשר וועט מען
מיך דא לאזען נעכטיגען .

ער גייט אהין . ער ערזעהט א זעהר גרויסען שרעקליכען פאלעץ
זעהר הערליך . דאס בייא קיין מלכות קען קיין גרעסערער און
שענערער פאלעץ ניט זיין . דיא קראמקעס פון דיא טויערען האבען
געלויכטען וויא בריליאנטען . עטליכע הונדערט פענצטער האבען זא
שרעקליך געלויכטען וויא דיא זון אין מיטען הימעל .

ער גייט און מאכט אויף דיא קראמקע . און גייט אריין אין
טויער . ער האט זיך ניכט געקענט פאר וואונדערען אויף דעם שיינהייט
פון אינווייניגען אריין גאנג . דאס דיא ווענד האבען געבלאנקט וויא
איין בליץ . עס ווארען אויף יעדער זייט מעהר וויא הונדערט טיהרען
צום עפענען . יעדע טיהר האט געהאט איין אנדער געשטאלט און
פאר יעדע טיהר זענען געשטאנען אנדערע חיות אוים לויטער פייער
מיט אלערליי פארבען . און פאר יעדער טיהר האט געלויכטען לאמפען
שענער וויא דיא שיינע זון אין הימעל ער האט זיך משער געוועזען

דאס

דאס דא וואונען קיינע גזלנים ניט . בקיצור ער האט אויף גימאכט די ערשטע טיהר . אבער מיט גרויס שרעק . וויא ער איז אריין געקומען אין ערשטען חדר האט ער ערזעהען א פולע שטוב מיט ליכט וואס האבען געלויכטען וויא די ליכטיגע שטערען און פיל מיט טישען צוא טיש געגרייט . און ארום און ארום שענק מיט ספרים . און ווער איז דען אין שטאנד צו ערצעהלן דאס שענהייט פון דעם חדר . אבער קיין מענטש האט ער ניט געזעהען גאר איין טיהר האט ער געזעהען וואס גייט אריין אין איין אנדער חדר . ער האט אויף געמאכט דאס אנדערע חדר . עס וואר זיבען מאל גרעסער אלס דאס ערשטע . און אויך זיבען מאל שענער . און אויך ספרים מיט טישען מיט לייכטערס . אבער אויך קיין מענטש . בקיצור ער איז א דורך געגאנגען זעקס חדרים איטליכעס וואר זיבען מאל גרעסער און שענער וויא דאס פאריגע.

וויא ער איז אריין געגאנגען אין זיבענטען חדר . איז ער זעהר ערשראקען און זעהר פערווינדערט געבליבען . ערשטענס דאס גרויסהייט און שענהייט און ליכטיקייט פון דעם חדר איז אונמעגליך צוא ערשרייבען און צו ערצעהלען . אין מיטען איז געשטאנען א זעהר גרויסער טיש בעדעקט מיט איין טישטוך אויס לויטער גאלד און מיט לויטער בריליאנטען אויס געהאפטען . און מיט גילדענע לייכטער און צוויא הערליכע שטולען אויס לויטער גאלד זענען געשטאנען ביא דעם טיש . אויף איין שטוהל איז געזעסען איין זקן ושבע ימים דאס הייסט איין אלטער גרייז גראהער מאן מיט איין גרויסע שיינע גראהע בארד און בעקליידעט בגדי שבת . און זיין פנים האט געלויכטען וויא די זון . אזויא א שיינער מענטש איז אין דער וועלט ניכט צוא געפונען . דער זקן האט געזאגט תיקון שבת . און דער אנדערער שטוהל איז געשטאנען ליידיג . און ביא די טיהר איז געשטאנען אויך א זקן ושבע ימים אויך בעקליידעט בגדי שבת . נאר ניט אזויא וויא דער ערשטער.

און וויא דער היילגער צדיק מקדש מלך איז אריין געקומען האט איהם דער זקן פון די טיהר אן גענומען ביא די האנד און האט איהם ארום געפיהרט . און האט געזאגט האב קיין מורא . קום מיט מיר ער האט איהם געפיהרט אין א מקוה און האט געזאגט וויא דיך טובל לכבוד שבת . דער צדיק האט זיך טובל געוועזען . און האט ניט געקענט אויס האלטען דעם גרויסען תענוג פון דער מקוה ער האט פון דעם טובלען געשפירט טעם גן עדן.

א עֶר איז פון דֶער מִקְוָה אַרויף גֶעקומֶען . הָאט אִיהם דֶער
[ז]קֵן גֶעגֶעבֶּען בִּגְדֵי שַׁבָּת פון קָאפּ בּיז פוס . אונ הָאט גֶעזָאגְט זַייא
[ז]יך מִתְלַבֵּשׁ בִּבְגְדֵי שַׁבָּת . דָאס הֵייסְט טוא דִיךְ אָן קְלֵיידֶען דִיא
[ק]לֵיידֶער פון שַׁבָּת . עֶר הָאט זִיךְ אָן גֶעקְלֵייד דִיא שַׁבָּת קְלֵיידֶער .
[א]ונ דֶער זָקֵן הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען צו וַואשֶׁען אונ אַ הַאנְדְטוּךְ אַלְיין
[ז]עהר הֶערְלִיךְ . אונ הָאט אִיהם צוּרִיק אַרַיין גֶעפִיהְרְט אִין יֶענֶעם
[צ]ימֶער ווִיא יֶענֶער זָקֵן איז גֶעזֶעסֶען . אונ הָאט אִיהם אַהִין גֶעפִיהְרְט
[צ]ום טִישׁ . אונ הָאט גֶעזָאגְט זֶעץ דִיךְ אויף דֶעם אַנְדֶערֶען שְׁטוּהל
[ו]ואס שְׁטֵייט לֵיידִיג עֶר איז פַאר דִיר אָן גֶעגְרֵייט . אונ זָאג תִּיקּוּן
[ח]צוֹת . נָאר זַייא נִיט מַאֲרִיךְ : דֶען עֶס איז שׁוין צַייט מְקַבֵּל שַׁבָּת צוּ
[ז]יין . עֶר הָאט זִיךְ אַנִידֶער גֶעזֶעצְט אונ הָאט גֶעזָאגְט תִּיקּוּן שַׁבָּת .
[נ]אךְ תִּיקּוּן שַׁבָּת . הָאט אִיהם יֶענֶער זָקֵן גֶעגֶעבֶּען שָׁלוֹם . דֶער נָאךְ
[ה]אט אִיהם דֶער זָקֵן פון דִיא טִיהר אויךְ גֶעגֶעבֶּען שָׁלוֹם .

אונ מֶען הָאט אויף גֶעמַאכְט אֵיין אַנְדֶערֶע טִיהר אונ אַלֶע
[ד]רַייא זֶענֶען אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען . איז דְרויסֶען גֶוֶועזֶען אֵיין זֶעהר הֶערְלִיכֶר
[ב]וים גָארְטֶען . אִין מִיטֶען דֶעם גָארְטֶען איז גֶעשְׁטַאנֶען דִיא שׁוּהל .
[ד]יא שׁוּהל איז אִין שְׁטַאנְד צו בֶּעשְׁרַייבֶּען דָאס שֶׁעהנְהֵייט אונ זִיסִיגְקֵייט
פון דֶער שׁוּהל . זִיא וַואר זֶעהר שְׁרֶעקְלִיךְ לַאנְג אונ בְּרֵייט אונ הוֹיךְ .
[ד]אוים לוֹיטֶער דִימַאנְטֶען . ווִיא פִיל שְׁטֶערֶען אִין הִימֶעל זָא פִיהל לִיכְט
[ה]אבֶּען גֶעלוֹיכְטֶען מִיט אַלֶערְלֵייא קָאלֶערֶען . אונ עֶס וָואר אויף אַלֶע
[ו]וענְט . דִי מִיטֶען פִיהל בֵּיימֶער אוֹיס לוֹיטֶער גִין גָאלְד . אונ אַלֶערְלֵייא פְרוּכְטֶען
[ד]אוים בְּרִילְיַאנְטֶען אונ אויף דִיא בֵּיימֶער וַוארֶען אַלֶערְלֵייא פֵייגֶעל .
[א]ונ אוּנְטֶער דִיא בֵּיימֶער וַוארֶען אַלֶערְלֵייא חַיּוֹת . אִין מִיטֶען דֶער
[ש]וּהל וַואר אַ גְרוֹיסֶע בָּמָה (מְלֶעמֶער) מִיט זָאלְכֶע שׁוֹנְהֵייט וָואס קֵיין
[ל]עבֶּעדִיגֶער מֶענְטְשׁ איז נִיכְט אִים שְׁטַאנְד צו עֶרְשְׁרַייבֶּען אונ צוּא
[ד]עְרְצֶעהְלֶען דִיא שֵׁיינְהֵייט פָאן דֶעם מְלֶעמֶער . (אַשְׁרֵי עַיִן רָאֲתָה זֹאת)
[ו]ואוֹיל דֶעם אוֹיג וָואס דָאט דָאס גֶעזֶעהֶען .

ווִיא זַייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין שׁוּהל אַרַיין . זָא זֶענֶען ווִידֶער
[ש]אן אֵיין אַנְדֶער טִיהר אַרַיין גֶעקוּמֶען אֵיין כַּהֲנָה מִיט זְקֵנִים אַלֶע
[ג]עקְלֵיידֶעט בִּגְדֵי שַׁבָּת . מֶענְכֶער הָאט גֶהַאט אֵיין מְשָׁרֵת . מֶענְכֶער
[צ]ווֵייא . מֶענְכֶע הָאבֶּען גֶעהַאט זֶעהר פִיהל מְשַׁמְּשִׁים . יֶעדֶער הָאט
[ז]יךְ גֶעשְׁטֶעלְט אויף זַיין בֶּעצַייכֶענְטֶע שְׁטֶעל . אונ דִיא מְשָׁרְתִים
[ה]אבֶּען אויךְ גֶעהַאט יֶעדֶער זַיין שְׁטֶעל . אונ דִיא דְרַייא . דָאס וָואר
[ד]עֶר הֵיילִיגֶער מְקֻבָּשׁ כֶּלֶךְ מִיט דִיא צְווֵייא זְקֵנִים ווִיא זַייא זֶענֶען

געקומען אין שוהל . זא האט מען דעם מקדש מלך געפיהרט אויף דער מזרח שטאט . און דער זקן מיט דעם אנדערען זקן זיין משרת זענען צרויף געגאנגען אויף דעם מעלעמער .

וויא דער עולם האט געזעהען דאס דער זקן מיט זיין משרת זענען שוין אויבען אויף דעם מעלעמער . זא האט מען זיך געשטעלט דאווינען מנחה . אחר מנחה האט זיך א חזן מיט זעהר פיל משוררים ארויף געשטעלט אויף דעם מעלעמער און האט מקבל שבת געווען מיט זאלכעם זיס קול . דאס קיין לעבענדיגער מענטש איז ניכט אים שטאנד אוים צו האלטען דעם גרויסען תענוג פון דעם געזאנג . אלע ביימער מיט אלע פרוכט מיט אלע פייגעל און אלע חיות האבען מיט געזונגען . דיא ווענד מיט דיא ליכט האבען מיט געזונגען . קיין שום תענוג פון דער וועלט קען זיך ניכט גלייכען צוא דעם גרויסען תענוג פון דעם זיסען געזאנג פון דעם קבלת שבת . איין אנדערער מענטש מעכט באלד שטארבען פון דעם ערשטען ווארט וואס ער האט געהערט זינגען . דען זא גוט וויא ווען חז דיא שמערץ (יסורים) אין אויף א מענטש צוא שטארק איבער זיין כח . מוז ער דאך שטארבען . זא אויך ווען ביי איין מענטש איז גדולה מיט תענוג צו גרויס . זא מוז ער שטארבען . ווייל דער תענוג איז שטארקער וויא זיין כח . נאר דעם הייליגען צדיק מקדש מלך האט ניכט גע[...] ווייל ער וואר דאך וויא א מלאך . דאך אבער האט ער פערגעס[...] וויא ער איז און וואס ער איז .

אחר התפלה נאך דעם דאווענען . אין דער גאנצער עול[...] געגאנגען צום מעלעמער . און איטליכער בעזונדער האט געזאגט [...] דעם זקן שבתא טבא דאס הייסט גוט שבת. און אלי האבען גווארט ביז דער זקן איז מיט זיין משרת און מיט זיין אורח ארוים גגא[...] פון שוהל . זא זענען זייא אויך איטליכער אוועק געגאנגען . דע[...] צדיק מקדש מלך האט זיך ניט געקענט אוים וואונדערען .

וויא ער איז מיט זיינע זקנים צוריק געקומען האט ער [...] דאס זעלבע חדר וואס ער איז צום ערשטען געזעסען ביים טיש [...] האט געזאגט תיקון שבת . איז דאס חדר יעצט געווען זא גרו[...] דאס קיין לעבענדיגער מענטש מעכט ניכט קענען ערזעהען פאן [...] עק ביז צום אנדערען עק . און עס ווארען זיבען הונדערט [...] צוויא טישען . און אויף יעדעם טיש ווארען זיבען הונדערט [...] צוויא מנורות . און זיבען הונדערט מיט צוויא ליכט אין יע[...] מנורה

ת"ם

נורה און זיבען הונדערט און צוויא שטוהלען צוא יעדעם טיש.
ען דאס חדר מיט דיא אלע זאכען וואר נאר גרייט לכבוד שבת.
ונ דאס ווארט שבת בעטרעפט זיבען הונדערט מיט צוויא. דען
יין שין איז דרייא הונדערט און א תי"ו איז פיר הונדערט. און א
ית איז צוויא.

דיא אלע טישען מיט שטוהלען מיט מנורות וואַרען זעהר
רעקליך שיין. אבער דער טיש מיט דיא מנורה מיט דעם שטוהל
אם דער זקן איזט געזעסען מיט זיין ליכטיגען אורח מקבש מלך.
אם איז אין לשער ואין לספר. דאס איז ניט מעגליך צוא שאצען
ונ ניכט מעגליך צוא ערצעהלען. ביא דעם טיש וואר ניט מעהר
אר צוויא שטוהלען. אויף איינעם איז געזעסען דער זקן. און אויף
עם אנדערען דער הייליגער מקדש מלך. און א קליינער טיש מיט
יין שטוהל איז געשטאנען פון ווייטען. דאס איז געוועזען פאר דעם
נדערען זקן. וואס האט בעדינט. מען האט אן געהובען צוא זאגען
שלום עליכם. האט געקלונגען דאס גאנצע חדר. דען דיא טישען
מיט מנורות. מיט דיא ליכט. מיט דיא שטוהלען. מיט דיא ווענד־
האבען אלע מיט געזונגען. דערנאך האט דער אנדערער זקן דער
משרת. געברענגט איין גאלדענע קריג מיט וויין. און צוויא בעכר
ומ ברילאנטען. און אויף יעדע זאך בעזונדער איז געשטאנען מיט
אלדענע אותיות דאס ווארט שבת. אויף דיא בעכער וואר געשריבען
ום של שבת. און ביא דר טיהר וואר געשריבען ארמון של שבת
אם הייסט דער פאלעץ פון שבת. אויף דיא טישען. שולחן של
שבת. יעצט האט דער זקן געמאכט קידוש. און מען האט געהערט
ורך דיא וואנד רעדען. און קיין מענטש האט מען ניכט געזעהען.
אר וויא דער זקן האט אוים געלאזט דעם קידוש איז אריין געקומען
איין אשה פערקליידעט בבגדי שבת. איהר פנים האט געלויכטן פיהל
שענער וויא די זון. איהר פנים וואר פארהאנגען מיט איין פירהאנג
אבער עס האט דורך געלויכטען דורך דער פירהאנג. וויא דער זקן
האט געטרונקען פון קידוש. האט ער פון זיין כוס געגאסען אביסעל
אין איין אנדער כוס און דיא האט אביסעל געטרונקען און איז אוועק
געגאנגען. און מעהר האט מען דיא שוין ניט געזעהען. נאר נאך
איטליכע ברכה האט מען געהערט זאגען אמן. נאך דעם האט דער
אורח געמאכט קידוש. ער האט זיך ניט געקענט אוים ווינדערען
ובער דעם וויין. נאר ער האט דאך ערשפיהרט דאס דער וויין

איז גיכט פון דיזען עולם . נאר פון עולם העליון . אדער פון גן עדן העליון . אדער פון יין המשומר . דאס איז דער וויין וואס איז בשאפען געווארען פון ששת ימי בראשית פאר דיא צדיקים לעולם הבא . דער ווענן איז קיין דרך ארץ . זא איז ער געזעסען פערווינדערט אונ האט געשוויגען . נאך קידוש האט מען געבראכט שנים עשר חלות . אונ פיש . אונ דערנאך האט מען געברענגט איין טוזענט איין הונדערט אכט אונ אכציג מאכלים וואס מען איז ניט אים שטאנד צו ערשרייבען דעם תענוג פון דיא מאכלים . אונ פאר וואס זא פיהל מאכלים וועל איך דיך ערקלערען . דען דאס ווארט שבת במילואו בעטרעפט אזויא . ווארום שבת לייגט מען אויס ש . ב . ת . ש ווירד געשריבען שי"ן . דאס בעטרעפט דרייא הונדערט אונ זעכציג . ב ווירד געשריבען בי"ת . דאס בעטרעפט פיר הונדערט מיט צוועלף . ת ווירד געשריבען תי"ו . דאס בעטרעפט פיר הונדערט מיט זעכצעהן . אלין בעטרעפט איין טוזענט איין הונדערט אכט אונ אכציג . נאר דו ליבער מענטש ווירסט מיך פרעגען . וויא קען מען עסען אזויא פיהל מאכלים . ווען נאר אפילו איין האלבען לעפעל פון יעדען מאכל איז מען דאך אויך ניכט אים שטאנד צו עסען ? זא ליבער פריינד וועל איך דיך דאס ערקלעהרען . זייא וויסען דאס זענען ניכט קיין מאכלים גשמיים . רוחניים . דאס הייסט עס זענען ניט זאלכע גראבע מאכלים וואס דער גוף קען געניסען . נאר פאר דר נשמה . דאס איז זעהר איין אידעלע זאך . וואס מען קען קיין פראסטען מענטש ניט פארשטיין געבין . נאר דער מענטש וואס האט א ידיעה אין חכמת הקבלה דער קען דאס פארשטיין . נאך דעם עסען האט מען אן געהויבען צו זינגען זמירות . אונ דער גאנצער עולם וואס האבען געראוינט אין שוהל זיין געקומען . אונ אלע שטוהלען מיט אלע טישען זענען בעזעצט געווארן אונ דאס געזאנג איז געוועזען זא זיס . טעם גן עדן דאס ווען איין לעבעדיגער מענטש מעכט דאס הערען מעכט ער געשטארבען פון גרויס תענוג .

דערנאך האט דער זקן וואס איז געזעסען פון רעכטען אויף געשטאנען אונ האט אריין געברענגט צווייא גאלדענע שטוהל אויס געשאפירט מיט רויטער ברילליאנטען אונ האט דיא צווייא שטוהלען אהין געשטעלט צום טיש וויא דער זקן מיט דעם אורח זענן געזעסן . דאן זענען אריין געקומען צווייא זקנים . דיא זקנים זענען אריין געקומען . האבען זיך אלע אויף געשטעלט . אונ זענן אהער גגאנגען

צו דעם זקן האט ער ארויף געלייגט זיינע הענד אויף זייערע קעפ און האט זיי געבענטשט. דערנאך האבען זיי זיך געזעצט אויף די צוויא גאלדענע שטוהלען.

דאן זענען ווידער אריין געקומען צוועלף יונגע לייט. שטוהלען ווארען שוין פאר זיי גרייט. האבען זיי ווידער אלע אויף געשטעלט לכבוד די צוועלף יונגע לייט. און די צוועלף זענען אהער געגאנגען און האבען זיך געבוקט צו די דרייא זקנים. און האבען דעם אורח געגעבען שלום. דער נאך האט מען די פרישע געסט געגעבען צוא מאכען קידוש און האבען אויך געגעסען. דערנאך האט מען געבענטשט דער ערשטער זקן האט געבענטשט מזומן. נאך דעם בענטשען. האט דער זקן דער משרת געזאגט צום מקבל מלך. יעצט קום מיט מיר. האט ער איהם געפיהרט אין איין אנדער חדר. און האט איהם געבעט איין הערליך געלעגער. און האט געשטעלט וואסער מיט געטראנק צום בעט. און האט זיך געזעגענט און אוועק געגאנגען.

מארגען גאנץ פריה איז דער זקן משרת געקומען צום מקבל מלך און האט געזאגט. קום אין מקוה אריין און זייא דיך טובל. ער האט איהם געפיהרט אין דיא מקוה. ער האט זיך טובל געוועזען און דר משרת האט איהם ווידר געגעבען אנדערע מלבושים מראש ועד רגל. און האט איהם געפיהרט אין יענעם חדר וויא דער זקן איז געזעסען. און דער משרת האט איהם געברענגט א טאץ מיט מילעך און קאווע. עס וואר אבער גאנץ היים. אלס מען וואלט עס ערשט יעצונד אוועק גנומען פון פייער. ער האט זיך זעהר שטארק געווינדערט. דאס מען לאזט קאכען אן שבת. זא לאזט ער שטיין דיא קאווע מיט מילעך און טרינקט ניט. זא קומט דער משרת און פרעגט איהם פאר וואס ער טרינקט ניט. ער שעהמט זיך צו זאגן. אבער דער משרת האט זיך משער געוועזען. און האט געזאגט צום אורח. זייא ניט קיין נאר און טרינק. מיר זענען חלילה ניט מחלל שבת. קוים ער האט געוואלט טרינקען.

וויא ער האט שוין געפרובירט. האט ער איהם אריין געפיהרט אין איין בית המדרש פיל מיט ספרים אויס פארמעגט. האט ער זיך געזעצט לערנען. דער נאך האט דער משרת איהם געברענגט א טלית. און האט געזאגט קום עס איז שוין זמן תפלה. זא זענען זייא אלע דרייא געגאנגען אין שוהל אריין. דער גאנצער עולם וואר שוין גרייט און האבען געווארט. וויא זייא זענען אריין געקומען.

אונ דר זקן מיט זיין משרת האבן זיך געשטעלט אויף דעם מלעמער אונ דער אורח אויף דער מזרח וואנד . זא האט זיך א חזן מיט פיל משוררים געשטעלט בּאוונען . דאס זיסינקייט פון דעם דאווענען מיט דיא פיהל געזאנגען איז מען ניט אים שטאנד צו ערשרייבען .

צום לייענען האט מען ארויס גענומען פון ארון קודש א פלאם פייער . דער מקבש מלך האט זיך זעהר ערשראקען . אונ האט זיך געווינדערט דאס איין מענטש טראגט דאס מיט דיא בלויסע הענד אונ ווירד ניכט פערברענט מען האט דאס ארויף גטראגן צום מלעמר אונ אלע האבען דאס געקושט . אונ האבען גשריגען תורה קדושה . תורה תמימה . תורת משה אמת . דאס איזט טייטש . דיא הייליגע תורה . דיא גאנצע תורה . די תורה פון משה איז אמת . דר אורח האט זיך ניכט געקענט איין האלטען אונ איז ארויף געלאפען אויף דעם מלעמער .

וויא זעהר פערווינדערט איז ער אבער געבליבען . וויא ער האט גזעהען דאס דער פלאם פייער איז א ספר תורה . דר פארמעט וואר ווייס פייער . אונ דיא אותיות שווארץ פייער . מען האט גלייענט מען האט דעם אורח מכבד געוועזען מיט עליה ששי . מען האט געדאוועט מוסף זעהר שיין זעהר זים . דר גאנצער עולם איטליכר בעזונדער איז געקומען צום זקן אונ האט גזאגט שבתא טבא . אונ דער זקן מיט זיין משרת מיט זיין אורח זענען אהיים געגאנגען .

דער זקן מיט דעם אורח האבען זיך געזעצט ביים טיש . אונ דער אנדערער זקן האט זייא בגריסט . ער האט געבראכט וויין אוף קידוש אונ זיבער שנים עשר חלות . אונ ווידער כל מיני מאכלים אונ מען האט געגעסען געטרונקען . פאר דעם בענטשען זענען ווידער געקומען דיר גרויסער עולם פון נעכטען . אונ דיא צוויא זקנים מיט דיא צוועלף יונגע לייט . אונ יעדער האט זיך גזעצט אויף זיין שטול אונ מען האט ווידער געזונגען זמירות . מיט שירות ותשבחות . דיא קולות זענען געגאנגען עד לב השמים אונ דאס זיסינקייט איז יאין לשער ואין לספר . עס איז ניט מעגליך צו ערצעהלען אונ נישט צוא ערשרייבען . מען האט ווידער געבענשט . דער עלטערער פון דיא צוויא זקנים וואס זענען שפעטער אריין געקומען . דער האט געבענשט מזומן .

נאך דעם עסען האט מען דעם אורח געפיהרט אין איין לוסט גארטען עס וואר שוין דארט גרייט גוט געדעקט פאר זיינט ווענן

ער האט זיך ערקוויקט פון דעם ריח און געשמאק פון דיא גרעזער מיט דיא בלומען. און האט געשלאפען לערך צוויא שעה.

דאן איז ער אויף געשטאנען. איז שוין דער משרת דא געשטאנען מיט וואסער. ער האט זיך געוואשען. און דער משרת האט איהם געגעבען איין קארב מיט אלערלייא פרוכט שבת אויבס. און האט געזאגט מאכט ברכה און ערקוויקט אייך. ער האט געגעסען און האט זיך ערקוויקט. און איז צוריק געגאנגען אין בית המדרש. און האט זיך געזעצט לערנען. ביז מנחה. ווען זייא ווידער געגאנגען אין שוהל מען האט געדאווענט מנחה מיט דעם גאנצען עולם אזויא וויא פריה.

יעצט ווען זייא געגאנגען עסען שלש סעודות. דר גאנצער עולם איז געקומען. מען האט געזונגען זמירות ביז צאת הכוכבים. דאס הייסט ביז מען וועהט שטערען. און דער יונגערער זקן פאן די צוויא זקנים וואס ווענען שפעטער געקומען. ער האט געבענטשט מזומן. מען האט תיכף געדאווענט מעריב. און געמאכט הבדלה. נאך הבדלה ווענען אלע אוועק געגאנגען. נאר דער זקן מיט זיין משרת מיט זיין אורח ווענען דא געבליבען.

גאנץ שבת האט מען צו דעם אורח ניט גערעט איין ווארט. און דער אורח האט צו קיינעם אויך ניט גערעט קיין ווארט. נאר יעצט וויא ער האט געזעהען אזוי צייטליך דאווענען מעריב און מאכן הבדלה. האט ער זיך זעהר געווינדערט דען ער האט געמיינט דאס מען וויד מאריך זיין מיט שלש סעודות ביז האלבע נאכט. אזויא וויא בייא דיא גרויסע צדיקים איז דער מנהג. האט ער זיך יעצט ניט געקענט איין האלטען און האט געפרעגט ווארום מען האט אזוי געשווינד פערלאזט דעם היילינען שבת. האט דער זקן געזאגט צו איהם דוא האסט שוין דא בייא מיר קיין שטעל. דען דא טאר מען ניט פרעגען קיין קשיות. און האט געזאגט צום משרת גייא פיהר איהם אהיים אין זיין הויז אריין.

דעם אורח האט אבער ניט געגלוסט צו פערלאסען דיא ליבע סטאנציע. האט ער זיך געבעטען און האט צו געזאגט דאס ער וויד שוין ניט פרעגען. האט דר משרת צו איהם געזאגט. וואלסט אבער וויסען דאס ווען נאר איין מאל דו ווירסט איין ווארט פרעגען. טארסט דוא שוין דא ניט בלייבען.

בתוך כך איז געקומען געווארען דאס חדר מיט דיא טישען און

ויא זענען נאר געזעסען אין איין גרויסען פאלאץ וואס אויף אלע פיר ווענד איז געשטאנען געשריבען מיט גרויסע אותיות ,בית המשפט׳ אונ איין זעהר גרויסער טיש ארום אונ ארום זענען געזעסען צוויא אונ זיבציג סנהדרין . אונ אויבען אן איז געזעסען דער זקן . אונ דער אנדערער זקן דער משרת איז געשטאנען בייא דער טיהר .

פליצלונג האט מען ערהערט איין גרויסען שטארעם . אונ [illegible] האט אריין געבראכט א מענטש אין תכריכין אונ פיר [illegible] אין ווייסען געקליידעט זענען געשטאנען בייא איהם . [illegible] אונ ארום זענען געשטאנען זעהר פיהל שווארצע . מענכע [illegible] ניהאט קעפ זי מענטשען נאר מיט הערנער וויא אקסען . מענכע האבען גהאט קעפ וויא א לייב אונ פיס וויא א פערד . עס איז געוועזען א פחד צו זעהען דיא שווארצע מיט זייער שרעקליכען קוק . אונ מיט זייער געוועהר . זייא האבען אלע געוואלט דעם מענטש שטעכען אדער איין שלינגען . נאר דיא פיר ווייסע האבען ניט צו געלאזט .

זא האט דער זקן א גרויסען געשרייא געגעבען צום דעם מענטש . טפה סרוחה . בשר ודם . ווי האסט דו ניכט מורא גהאט פאר דעם בורא ברוך הוא . אונ פאר זיין הייליגע תורה . ווייסט דוא דען ניכט דאס דער הייליגער שבת איז דער נאמען פון בורא ב״ה . אונ שבת איז שקול כנגד כל התורה . אונ שבת איז איין עדות אויף בריאת עולם . אז דער אייבערשטער איז א קדמון לכל דבר אשר נברא . אונ ווער עס לייקענט אן שבת דער לייקענט אן כל התורה . אונ ווער עס לייקענט אן די תורה דער לייקענט אן זיין הייליגען נאמען . אונ פאר וואס האסט דוא מחלל שבת געוועזען .

דער מענטש איז נעבעך געווארען זעהר ערשראקען . דאך האט ער געענטפערט . איך ווייס פון גאר ניט . איך האב קיין מאל ניט ח״ו מחלל שבת געוועזען . זייט איך בין צום שכל גקומען האבע איך דעם הייליגען שבת געהיטען אזויא וויא עס שטייט אין דער הייליגער תורה . אונ ניט פרוים שבת . נאר די גאנצע תורה האב איך מקיים געוועזען . אונ דיא מצות וואס איך האב ניט געקענט מקיים זיין בפועל . האב איך מקיים געוועזען בלמוד . דען עס זיין פיל מצות פון דיא תרי״ג מצות וואס ניט איטליכער מענטש קען מקיים זיין . דהיינו ווען איינער עלטערט זיך מיט זיין ווייב איז ער ניט מקיים די מצוה פון א גט . אדער ווען איינער האט ניכט קיין בכור קען ער ניט מקיים זיין דיא מצוה פדיון הבן . זא איז מען

אָבער דיא מצוה מקיים ווען מען קערנט דעם דין פון די מצוה. און זאָ האָט דר טויטער אויך געענטפערט איך האָב אַלץ מקיים געוועזען הן בפועל והן בלמוד. און וואָס איר זאָגט דאָס איך האָב ח"ו אָפּ געלייקענט אָן בורא ב"ה. דאָס איז שקר וכזב. און איך פרעג נאָך ענק גאָר ניט. דעם בורא ב"ה. ער איז אַ בוחן לבבות. ער ווייס דעם אמת פון אַלע הערצער. און איר ווילט מיר מאַכען אַ בלבול שקר. איך אָבער וועל מיך פון ענק ניכט לאָזען. לאָזען מיינע קומען מיט מיינע מליצים מיט מיינע עדות. און זיא וועלן בעקענען דאָס איך האָב ניכט מבטל געוועזען איין רגע פון תורה און צדקה און גמילות חסד.

אַלע דיינים זענען געוועזען שטיל. נאָר דר זקן האָט זיך אָן גערופען. דערמאַן דיך גוט. דוא האָסט אָבער דאָך מחלל שבת געוועזען. דוא האָסט פערקויפט אָקאָוויט אַ גוי.

ענטפערט דער מענטש. עס איז שקר: דען איך האָב שבת אפילו מיט קיין ישראל אויך ניט גערעט קיין דברי חול. נאָר לשון הקודש מכל שכן מיט איין ערל.

זאָ זאָגט דער זקן אמת דוא האָסט שבת ניט גערעט דברי חול. אָבער דוא האָסט פרייטאָג פערקויפט אַ פעסעל אָקאָוויט א פויער פון איין דאָרף. און ער האָט דאָס אָן שבת געטראָגען חוץ לתחום. און דר דין איז מען טאָר אפילו קיין בהמה ניט בלאָדען אָן פרייטאָג מיט איין לאַסט אַז דיא בהמה זאָל עס טראָגען שבת וואָרום עס שטייט אין דער הייליגער תורה למען ינוח שורך וחמורך דיין אָקס מיט דיין איזעל זאָל רוהען. כל שכן אַ מענטש גאָר מען אַם פרייטאָג ניט געבען איין לאַסט ער זאָל עס טראָגען שבת. און דוא האָסט איהם דאָס פעסעל אָקאָוויט געהאָלפען נעמען אויף דיא פלייצעם. און ער איז דערמיט אַהיים געקומען נאָך דיא האַלבע נאַכט. זאָ איז אַזויא נוט וויא דוא מעכסט איהם אָן שבת פערקויפט.

ענטפערט דער מענטש. ניין עס איז שקר. דען איך האָב קיין מאָל מיט אָקאָוויט ניט געהאַנדעלט. זאָגט דער זקן איך וועל דיר שטעלען עדות. זאָגט דר מענטש גוט איך וויל זעהן די עדות.

אַזויא גיבט דער זקן אַ געשרייא צוא זיין משרת. רוף אַריין דעם שר וואָס האָט דעם ספר זכרונות לאָז ער קומען און באַלד מיט ברענגען דיא עדות. ער גייט אין איין רגע קומט אַריין איין מאַן מיט זעהר אַ גרויס בוך וואָס הונדערט מענטשען ווערדען ניט קענען

ערטראגען , אונ עס איז געשטאנען געשריבען דער נאמען פון דעם פויער אונ דיא סדרה פון דיא וואך . האט מען א געשרייא גיגעבען איז דער פויער שוין דא געשטאנען אונ דאס פעקעל אקאוויט אויף דיא פלייצעס . אונ האט צוא איהם געזאגט . געדענקסט ווען דיין שוועהר איז ניט געוועזען אין דערהיים . אונ איך בין פרייטאג צוא דיר געקומען אונ האב דיר דאס געלט געגעבען . אונ דו האסט מיר אפ געמאכטען אונ נעהאלפען אויף דיא פלייצעס נעהמען . אונ דאס געלט האסט דו גלייגט אין שטוב אריין אין א שופלעדער פון טיש . איך האב געזעהען . פליצלונג זענען געקומען דיא בענק מיט דיא טישען מיט דיא קווארט מיט אלע כלים פון דיא שענק . אונ האבען עדות גזאגט דאס ער האט פערקויפט פרייטאג . דיא אלע האבען אפ געזאגט זייער עדות אונ נעלם געווארען .

יעצט האט זיך דער מענטש נעביך ערמאנט . עס וואר אזוי . זיין שוועהר איז געוועזען א שענקער אונ האט גהאט א קלאר מיט אקאוויט . דאס אלע אנדערע שענקער פון דער שטאט אונ פון דיא דערפער האבען ביא איהם געקויפט . אונ דער מענטש וואהר דעם שענקערס איידעם ער וואר איין יונגער מאן אונ האט געגעסען קעסט ביים שוועהר . אונ איז געזעסען יומם ולילה אונ האט געלערנט . איין מאל איז זיין שוועהר אוועק געפאהרען האט ער געבעטען דעם איידעם דאס פרייטאג זאל ער אביסעל העלפען אכטונג געבען אין דיא שענק . אונ דער פויער האט געוואוינט איין תחום שבת פון די שטאט . אונ איז אריין גקומען מיטאג צייט נאך אקאוויט . פון מיטאג ביז נאכט מעכט ער געקענט הונדערט מאל אהיים טראגען דעם אקאוויט . וויא דער יונגער מאן האט איהם פערקויפט דעם אקאוויט איז דער פויער ניט גלייך אהיים געגאנגען . נאר האט זיך אין דיא שטאט געזעצט טרונקען מיט אנדערע פויערן ביז נאכט . אונ ביא נאכט איז ער ערשט מיט דעם אקאוויט אהיים געגאנגען . זא איז דאך דער יונגער מאן ניכט שולדיג דאס מינדעסטע . זא האט דער יונגער מאן געזאגט צום זקן . דער פויער האט עדות געזאגט דאס איך האב איהם פערקויפט . אבער ווארום האסט דוא איהם ניט געפרעגט וועלכע שעה איך האב איהם פערקויפט ? ווען איך מעכט איהם פערקויפען פרייטאג שפעט דאס שוין קיין צייט מעכט געוועזען אהיים צו גיין . מעכט איך שולדיג זיין אונ מעכט געמוזט לייד' מיין עונש . אבער ווען איך האב איהם פערקויפט וואר מיטאג . מעכט

ער דאך נאך געקענט הונדערט מאל אהיים גיין. נוא וואס בין איך דען שולדיג דאס ער האט א גאנצען טאג געטרונקען אין די שטאט און איז ביי נאכט אהיים געגאנגען. זא איז געווארען א גרויס געשריא. מענכע האבען געשריגען ער מוס זיין אין גיהנם אגאנצע שמיטה דאס הייסט זיבען יאהר. מענכע האבען געשריגען עס איז גינוג דרייא יאהר.

ווענען אבער פליצלונג אן געקומען פליצים ישרים זעהר פיהל און האבען געשריגען געוואלד. זא איין מענטש וואס האט אויף זיך קיין שום חטא. און ווי לאנג ער האט געלעבט. האט ער נאר עוסק געוועזען אין תורה וצדקה וגמילות חסד. זאל מען איהם מאכען א משפט גיהנם.

זא האט זיך דער זקן אן גערופען. גיין. איך וועל מאכען א פסק דין. ער האט דיא בריה. אדער צוריק מגולגל צוא ווערען אויף יענעם עולם. אדער צו זיין זיבען טאג אין גיהנם. נית ח״ו צו ליידען קיין שום עונש. נאר בלוים צו זיין דארט זיבען טאג. זא האבען זיך אלע סנהדרין אן גערופען. צדק ומשפט מכון כסאו. עס איז גערעכט און עהרליך דאס משפט מיט חסד. און אנדערשט קען שוין ניכט זיין וויא אונזער רבי האט גפסקנת. זא האט מען דעם מענטש נעפרעגט וואס ער וויל. האט ער געזאגט נים זיבען טאג. נאר אפילו הז׳ זיבען יאר וויל ער בעסער זיין אין גיהנם איידער ער זאל צוריק מגולגל ווערדען. זא האט מען איהם אוועק געפיהרט און אלע האבען איהם נאך געשריגען. אשריך וטוב לך וואויל דיר דאס דוא ביסט ריין פון חטאים. און פיל מיט זכיות.

דער מקבש מלך האט דיא גאנצע מעשה צו געזעהען און צו געהערט. איז ער געווארען כולא כעס און האט זיך נית געקענט איין האלטען. און איז מיט ירגזון אהין געגאנגען צום טיש. און האט א געשרייא געגעבען. עס שטייט אין דער היילינגער תורה. לא תטה משפט. מען זאל נים פאלש משפטן. און עטץ האט פאלש גמשפט דען דער דין איז ביא חילול שבת. בשוגג איז ער חייב א קרבן חטאת. קיין מיתה קומט נית נאר במזיד. אין גיהנם איז דאך ערגער וויא מיתה. און פר וואס האט איר דעם צדיק גיפסקנת גיהנם. עס איז דאך אפילו קיין שוגג אויך נים. ווארום באמת איז ער דאך נאר נים שולדיג. איך וועל דאס נית שווייגען. לאז מען רופען משה

רבינו ער זאל זאגען ווער עס האט רעכט.

זאגט דער זקן דוא האסט דאך געזאגט דיין ווארט דאס דוא ווירסט שוין ניט פרעגען קשיות. אונ יעצונד פרעגסט דו ווידער. אלזא זייא ווייסען איך וועל דיר רופען משה רבינו ער ווירד דיר זאגען דעם טעם פון דעם פסק. נאר באופן דאס וויא דוא ווירסט האבען געהערט דעם טעם. טארסט דוא דיך שוין דא בייא מיר ניט געפונען איין רגע. ער זאגט יוא איך בעשטייא. זאגט דער זקן. צוא וואס זאל איך מטריח זיין משה רבינו. איך וועל דיר זאגען דעם טעם. זייא ווייסען דאס ווען ער מעכט זיין וויא איין אנדערער מענטש וואס האט חטאים היו. זא מעכט מען איהם דאס גאר ניט רעכענען פאר קיין חטא. דען ער האט דאך באמת גאר קיין שולד אין דיזען. נאר אבער ווייל ער איז א צדיק גמור. ער האט אויף זיך קיין שום חטא. אונ אויף זא איין צדיק איז מען מקפיד כחוט השערה הייסט דאס קענען איהם שוין א גרויסער חטא.

שנית עס זענען דארט אין גיהנם עטליכע נשמות וואס זייא ברויכען שוין ארויף צו קומען לגן עדן העליון. נאר זייא קענען ניט עולה למעלה זיין ביז עס ווירד מיט זייא זיין איין צדיק גמור. על כן דורך איהם וועלען זייא מיט גיין ארויף לגן עדן.

וויא דער מקדש מלך האט דאס געהערט. האט ער מודה געוועזען דאס דער פסק איז אמת. אונ האט געזאגט ה' אמת ותורתו אמת. ומשרתיו צדיקים וטהורים אמתים. דאס איז טייטש גאט איז אמת. אונ זיין תורה איז אמת. אונ זיינע משרתים זענען ריינע צדיקים אמת. ער האט געבעטען נאך געוואלט בלייבען. נאר עס האט ניט געהאלפען. דער זקן האט געהייסען דעם משרת ער זאל איהם תיכף אהיים פיהרען. דער משרת האט איהם גענומען בייא דער האנד. אין איין רגע איז ער מיט איהם געשטאנען אין וואלד בייא דעם בוים וויא ער האט פריטאג דיא זאכען איבער געלאזט. אונ האט איהם דיא זאכען געגעבען. אונ האט געזאגט. קום אין איין רגע ווירסט דוא זיין אין דיין היים.

זאגט דער מקדש מלך איך בעשווער דיך זאג מיר וויא בין איך געוועזען שבת. ווער איז דער זקן. ווער ביסט דו. ווער זענען דער עולם וואס זענען שבת מיט אונז געזעסען. אונד ווער איז דער טויטער וואס מען האט איהם דעם פסק געמאכט. זאגט דער משרת

גקיין אנדערען מעכט איך דאס ניט ערצעהלען . דען מען טאר ניט
מגלה סוד זיין . נאר ווייל דוא ביסט זעהר גרוים אין אלע עולמות .
אונ דר זקן האט דיך זעהר ליב . זא וועל איך דיר אלץ מגלה זיין .
זייא וויסען דאס דר זקן איז אברהם אבינו . אונ איך בין זיין
קנעכט אליעזר . איך בין אויף דעם עולם געוועזען זיין קנעכט אונ
אויף יענעם עולם העליון בין איך אויך זיין קנעכט . אונ די קאווע
וואס איך האב דיר שבת פריה געגעבען דאס וואר ניט היים פון קיין
פייער חו נאר זיא וואר פון גן עדן . אונ דיא שוהל מיט דיא אלע
הדרים וואס דו האסט געזעהען דאס איז פון זיבענטען הימעל . נאר
לכבוד דיר האט מען עס אראפ גענומען צום ערשטען הימעל ; אונ
דער וויין פון קידוש איז פון יין המשומר . דער געהיטענער וויין פון
ששת ימי בראשית פאר דיא צדיקים צו דיא סעודה פון לויתן ווען
משיח וועט קומען . אונ וואס דו האסט געזעהען אין דיא שוהל אונ
אויף דעם הויף חיות מיט פייגעל . דאס זענען אלץ מלאכים וואס
ווערען בעשאפען פון דיא מצות פון דיא צדיקים . אונ דער חזן וואס
האט אזויא שיין געדאווענט דאס איז אהרן הכהן . אונ די משוררים
וואס האבען אזויא שיין געזונגען . דאס זענען דיא לוים וואס האבען
געזונגען אין בית המקדש . אונ דיא אשה וואס איז אריין געקומען
צום קידוש אונ דער זקן האט איהר געגעבען אביסעל יין קידוש .
דאס איז זיין ווייב . אונזער מוטער שרה . דען אזוי וויא מיר האבען
א שוהל מיט לויטער צדיקים . האבען זיי אויך א שוהל מיט נשים
צדקניות . אונ זייא וויסען דאס דיא צווייא זקנים וואס זענען שפעטער
אריין געקומען וואס איך האב זייא צווייא שטוהלען גרייט געמאכט .
דאס איז יצחק מיט יעקב אבינו . אונ דיא צוועלף יונגע לייט וואס
זענען שפעטער אריין גקומען . דאס זענען דיא צוועלף שבטים אונ
דיא איבריגע זענען אלע צדיקים גמורים . נאר זאלסט וויסען דאס
אלע מיט אנאנדער זענען נאר בלויסע נשמות . קיין איינציגער גוף
איז ניט צווישען זייא . נאר לכבוד דיר דוא זאלסט ניט שרעקען ,
האבען זיי זיך מתלבש געוועזען מיט א לבוש עס זאל זיך דיר דענקען
דאס עס זענען לעבעדיגע מענטשען . אונ דער מענטש וואס מען
האט היינט גמשפט . דער איז ערשט נעכטען געשטארבען אונ גאנ'ץ
שפעט צוא קבורה געקומען . ער וואר א גדול הדור . ער האט אויס
געשטעלט מעהר וויא הונדערט פקידים וואס יעדער איז ראוי

להיות מורה הוראה בישראל . דאס הייסט ער זאל לערנען און פסקנען מיט ישראל . אונ ער וואר א צדיק גמור דיא האלבע וועלט ווער איהם האט נאר געקענט . קלאגט אונ טרויערט אויף זיין טויט . ער איז יונגערהייט געשטארבען ווייל מען ברויך איהם צום בית דין של מעלה . ער ווירד אויבען אויך זיין איינער פון דיא סנהדרין .

פרעגט דער מקדש מלך פון וועלכע שטאט וואר ער ? זאגט דער משרת ער האט געוואהנט אין דער שטאט ווייזבערג אין לאנד איטאליע . דאס איז זעהר וויט פון דאנען . דאס איז זעהר א גרויסע שטאט מיט גרויסע לומדים . נאר ער וואר דער קאפ פון אלע לומדים אונ פון אלע צדיקים . אונ וואס דוא האסט געזעהען דאס פיר ווייסע מענטשען זענען ביי איהם געשטאנען ווען מען האט איהם ארויין גערופען צום דין וחשבון . דאס וואהרען פיער הייליגע מלאכים . דאס מען גיבט יעדען צדיק זיא זאלען איהם אפ היטען . אונ וואס דוא האסט געזעהען דיא שווארצע דאס זענען דיא מלאכי חבלה רח"ל . וויא איז צוא דעם מענטש וואס קומט אין זייערע הענד אריין . אבער צום צדיק האבען זיא קיין שליטה ניט .

אלזא האב איך דיר געטאן דיין רצון אונ האב דיר אלין מגלה געוועזען וואס דוא האסט נאר פערלאנגט . אונ יעצט זאג מיר וויא אהין איך זאל דיך פיהרען . דען איך האב קיין צייט . איך מוז בעדיהנען מיין הער . זא זאגט דער מקדש מלך איך פערלאנג זאלסט מיך אהין פיהרען אין דער שטאט ווייזבערג וויא דער געשטארבענער האט געוואוינט . זא האט ניט געדויערט איין רגע זענען זיא שוין געוועזען אין דער שטאט . ער האט איהם א שטער געגעבען אונטער דעם בית המדרש . אונ אין נעלם געווארן דער מקדש מלך איז אליינס געבליבען שטיין . עס וואר איהם זעהר באנג צו וואס ער איז אזויא געשווינד פון דארט אוועק . אונ צוא וואס ער האט דעם טרייען משרת אזויא געשווינד פערלוירען פון זיינע אויגען . אבער עס איז געבעך פערפאלען .

בקיצור ער גייט אריין אין בית המדרש . אונ דער מנהג איז דאך דאס מוצאי שבת גייען אלע יונגע לייט אונ אלע לומדים אונ חסידים . אין דיא בגדי שבת . אונ ווידער איז דער מנהג דאס

מוצשיק זיצען יונגע לייט אין בית המדרש און לערנען . און דא האט דער מקדש מלך געטראפען א פיל בית המדרש מיט מענשען יונגע און אלטע . און אלע זענען געגאנגען אין צוריסענע קליידער און עס וואר זעהר טרויעריג וויא תשעה באב . וויא ער איז אריין געקומען זענען אלע זעהר געווארען פערוואונדערט . דען זיין פנים האט געלויכטען וויא א בריק נאך פון דעם געכמיגען שבת . זייא האבען איהם געגעבען שלום . אבער זעהר טרויעריג אונטערטעניג . ער פרעגט זייא וואס דאס באטייט . דאס זייא זענען אלע זא טרויעריג .

זא ענטפערען זייא . ווארום זאלען מיר דען ניט זיין טרויעריג . ווען דאס בית המקדש איז חרוב געווארען אין אונזער צייט . נעכטען זמן מנחה איז אונז אב געשטארבען דער קאפ און דיא קרוין פון אונזער שטאט . דאס וואר דער גרויסער צדיק און חסיד און למדן וויא איז צו אונז דאס מיר האבען זאלכען טהייערען אוצר פערלוירען און אונזער רב פון דער שטאט איז געבעך קראנק מחמת גרויס צער . און זיין ווייב מיט קינדער וועלען עס געוויס ניט אויס האלטען דאס זייא האבען זאלכען דימאנט פערלוירען .

זא זאגט ער . איך בעט אייך פירט מיך אהין צוא דעם הויז וויא דער צדיק האט געוואוינט . זא האט מען איהם אהין געפירט ער איז אהין געקומען . און האט זיך געשטעלט אונטער דעם פענצטער . און האט דורך דיא שפארע פון לאדען אריין געקוקט . האט ער געזעהען איין לעמפעל אייל ברענט . און אלע זיצען אויף דער ערד . און קלאגען און טרויערען און וויינען . ער האט זיך גאר ניט ווייסען געמאכט און איז צוריק געגאנגען אין בית המדרש . און האט זיך געזעצט לערנען . קיינער האט איהם ניט געקענט . נאר אלע האבען זיך משער געוועזען דאס ער איז א גרויסער מאן . דען דיא שכינה מיט דיא קדושה האבען גערוהט אויף זיין פנים .

מארגען פריה האט מען געשיקט טודיע זיין אין שטאט דאס אלע זאלען צונויף קומען . ער ווירד מאכען א הספד נאך דעם צדיק . זא זענען אלע געקומען אין שול אריין . מען האט זיך געשטעלט דאווענען דער רב פון דר שטאט האט זיך קראנקערהייט אויף געהויבען און איז אויך געקומען אין שוהל אריין . דער רב וואר אויך א גאנץ גרויסער מאן .

וויא ער האט זיך נאך בעטראכט דעם אורח. זא האט ער דערקענט דאס דאס איז דער הייליגער צדיק מקדש מלך. זא איז ער גאנץ ערשראקען געבליבען. און איז געשווינד אראפ גגאנגען פון דיא מזרח שטאט. און האט געווינקען צוא אלע גרויסע לייט דיא זאלען אויך אהער גיין. און האט צו זייא געזאגט. איר זאלט ניט מיינען: דאס איז א מענטש. ניין. דאס איז א מלאך אלהים. ער איז דער מקדש מלך. ער איז גרויס אין אלע עולמות עליונים ותחתונים אלע זענען געבליבען ערשראקען. און אלע האבען זיך זעהר געפרייט דאס זייא האבען זוכה געוועזען זאלכען צדיק צוא האבען אין זייער שטאט.

נאך דעם דאוונען האט זיך דער אורח געשטעלט מאכען איין הספד. אין מיטען דעם הספד האט ער דערציילט די גאנצע מעשה דאס געקומען בייא נאכט האט ער זיך מיט איהם געזעהן בייא דעם בית דין של מעלה. און האט ערצעהלט דאס ער האט געקריגען איין פסק אויף זיבען טאג. נאר דורך דעם לערנען וואס איך האב א גאנצע נאכט געלערנט פאר זיינעט וועגען. האט מען אויס דיא זיבען טאג געמאכט דרייא טאג. נאר מיר זאלען אלע דא בלייבען שטיין. עס זאל קיינער ניט אהיים גיין ביז מען וויר אויס זאגען גאנץ תהלים און נאך יעדען ספר וויר מען זאגען קדיש. זא ווירד מען איהם פטור מאכען פון אלעם.

דער גאנצער עולם דאס מיט גרויס שמחה געשטאנען. און מען האט זיך תיכף געשטעלט זאגען תהלים אזוי וויא ער האט געהייסען. און מען האט געזאגט פינעף קדישים. און דער נאך איז ער אהין געגאנגען מנחם אבל זיין. און האט זייא גטרייסט

און האט זייא סבטים געוועזן דאס באלד נאך דיא
שבעה ווירד דער געשטארבענער צדיק צוא חלום
קומען. יעדען בעזונדער. עס איז אויך אזויא געוועזן.
נאך דיא שבעה איז ער צוא חלום געקומען ערשטענס
צוא זיין הויז געזונד. דערנאך צום רב און צוא דיא
לומדים פון דיא שטאט. און האט צוא זייא אזויא
געזאגט. געדענקט אן גאט. און זייט נוהג כבוד אן
דעם צדיק. דען ער איז איין יחיד צווישען אלע צדיקים
עליונים ותחתונים. ער האט מיך מציל געוועזן פון
גיהנם. און עטץ זאלט איהם בעטען דאס ער זאל
ענק בענשען. דען ווען ער ווירד אייך איבער לאזען
איין ברכה. זא איז עס מקויים. און אויך מיינע
קינדער זאל ער בענשען. מען האט אויך אזויא געטאן
און דער צדיק האט אלע געבענשט און דיא קינדער
פון דעם געשטארבענען האט ער געבענשט מיט תורה
וגדולה. און ער האט זיך אפ געזעגענט מיט אלע און
איז בשלום אוועק. און דיא קינדער פון דעם געשטארבענען
זענען געווארען גרויסע לומדים און צדיקים און חסידים
אזויא וויא דער מקדש מלך האט זייא געבענשט.
און דער זכות פון דעם צדיק מקדש מלך און פון
אלע צדיקים זאל אונז בייא שטיין לעולם ועד אמן.

ע נ ד ע

# אנוצליכער בוך פיר יעדען אידען

## די ענגלישע מעטהאדע פון

### נ"ס נחום סאָקאָלאָוו (רעדאקטאָר פון „הצפירה")

איז דער בעסטער לעהר-בוך אין אידיש גאַנץ לייכט אויסצו-לערנען זיך אין אַ קורצע צייט, אָהנע הילפע פון אַלעהרער: לעזען, שרייבען. אונד שפרעכען ענגליש.

קיין מעטהאָדע, צו לערנען ענגליש אין אידיש, האָט ניט געהאַט אַזאַ גרויסען ערפאָלג אין רוסלאַנד אונד אין אַמעריקאַ וויא: סאקאלאווס „ענגלישע מעטהאדע", וועלכע איז אָבגע-דרוקט געוואָרען אין 20 אויפלאַגעס אין זעהר אַקורצע צייט.

? וויסט איהר פאַר וואָס ?

—וייל סאקאלאווס „פראקטישע ענגלישע מעטהאדע" מיט איהר קינסטליכע אוסאַרבייטונג און צוזאַמענשטעלונג מיט איהר ריינע אונד לייכטע אידישע שפראַך אונד מיט אַלע איהרע איבעריגע מעלות, שטייגט אַריבער אַלע אנדערע מעטהאָדעס.

יעדער, וואָס דיינקט רייזען נאָך אַמעריקאַ אונד אַפריקאַ, דאַרף וויסען אַז איהם ערוואַרטען ביים אָנקומען דאָרט גרויסע שוועריגקייטען פון דעם, וואָס ער וועט מיט קיינעם ניט קאָהנען זיך צוזאַמענריידען.

! וויל מען אויסמיידען די שוועריגקייטען האָט מען נור איין מיטעל:

אַיינשאַפען זיך בעצייטענס סאָקאָלאָווס ענגלישע מעטהאָדע

נ"ס סאָקאָלאָווס ענגלישע מעטהאָדע קאָסט ביליג:

בלויז 30 קאָפ

! בוכהענדלער און לעהרער. בעקומען אַגרויסען ראַבאַט !

ווענדען זיך לויט דעם אדרעס:

Вильна, Тип. и книж. магаз. Исаака Функа, Нѣмецкая ул. д. № 12